**אויף באלדיגע פובליקירונג:** 6/2/2021 **גאווערנאר ענדרו מ. קאומאו**

**גאווערנאר קאָומאו מעלדט דעם אנהייב פון קאנסטרוקציע פאר עלאסטישע פראיעקט אין קאיוגא קאַונטי**

***$1.5 מיליאן צוגעטיילט צו דעם שטעטל פון סטערלינג פאר וועג פארבעסערונגען; וועט פארזיכערן אומגעשטערטע איינוואוינער און עמערזשענסי אויטאס דורכפאר***

***דאס ענדיגן פונעם אויסגראבונג ביי ליטל סאדוס בעי איז טייל פון $15 מיליאן REDI ראיאנאלע ארויסגראב פראגראם***

***פראיעקט סובווענץ אויסגעטיילט פון גאווערנאר קאָומאו'ס עלאסטישע און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו***

גאווערנאר ענדרו מ. קאומאו האט היינט געמאלדן דעם אנהייב פון קאנסטרוקציע פון א $1.5 מיליאן פראיעקט, געשאנקען צום שטעטל פון סטערלינג, קאיוגא קאַונטי, דורך דער [עלאסטישע און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו](#) ( Resiliancy and Economic Development Initiative, REDI).דער עקסיסטירנדיגער טאפלטער קאנאל וואס טראגט מעקאינטייער ראוד איבער סטערלינג וועלי קריק איז דער איינציגער צוטריט פאר לאקאלע וואוינונגען און אגריקולטורע אייגנטום צפון פון סטערלינג קריק. פלייצונג געשעענישן פון 2019 האט גורם געווען פארטרינקען פונעם קאנאל און אוועקשווענקען דעם וועגס ברעגמויער אין ביידע דעם אריינלאז און ארויסלאז פונעם קאנאל. צו האלטן דעם וויכטיגן וועג אפן, האט מען געמוזט אונטערנעמען עמערדשזענסי רעמאנט. די פארבעסערונגען וואס איז ארייגערעכנט אין דעם פראיעקט וועט פארזיכערן אומגעשטערטע וואוין און עמערזשענסי אויטאס דורכגאנג.

פארמינערטע מאָסן פאר דעם פראיעקט איז כולל דאס אוועקנעמען פונעם עקסיסטירנדיגע טאפעלטע רער קאנאל. דער געביי וועט ווערן איבערגעביטן פאר אן 71-פיסיגע איין שפאניגע בריקבויגן. שטיין פיל וועט ווערן אינסטעלירט אין פארענט פונעם סטרוקטור וואס האלט דעם בויגן פונעם בריק און צו היטן פון צוקונפטיגע אוועקשווענקונגען.

"אין 2019, אינטענסיווע פלייצונג לענג-אויס דעם ברעג פון לעיק אנטעריאו האט גורם געווען טיילן פון דעם וועג זענען אונטערגעגאגען אונטערן וואסער, און עס האט געמאכט פאָרן מסוכן און אין טייל פעלער האט עס גענייט עמערדזשענסי פארשפארונגן," **האט גאווערנער קאומאו:געזאגט.** "דער פארזיכערונג פון ניו יארקער איז אונדזער העכסטע פראריטעט. דורך REDI, וועלן מיר פארזיכערן אז ווען הויכע וואסער פאסירונגען געשעען,וועלן די וועגן בלייבן קלאר און אפן ערלויבן ווייטער זיכערע רייזע פאר איינוואוינער און עמערדזשענסי אויטאס. מיר וועלן נישט סתם פארריכטן אפעקטירטע אינפראסטרוקטור, מיר וועלן איבעררעכענען און בויען בעסער, שטארקער און מער עלאסטיש."

"קאמיוניטיס לענג-אויס לעיק אנטעריו האבן מיטגעמאכט חרוב-מאכנדיגע פארפלייצונג אין די לעצטע יארן צוליב די עפעקטן פון קלימאט ענדערונג, און ניו יארק פירט דעם וועג צו העלפן זיי זיך צוריקבויען מער עלאסטיש פאר דער צוקונפט," **האט דער וויצעגובערנאטאר קאטי האקול געזאגט.** "דער

עלאסטישער פראיעקט הייבט זיך אן אין דעם שטעטל סטערלינג, און לעצטענס פארענדיגט אין ליטל סאדוס בעי, וועט נישט נאר שיצן קעגן צוקונפטיגע פלייצונג, נאר אויך פארבעסערן פובליק באווארענונג אויף קריטישע וועגן און פארשטארקן טוריזם דורך פארזיכערן זיכערע פארברענגען צוגאנג פאר שיפלערס."

דערצו, האט גאווערנער קאומאו: געמאלדן די פארענדיגונג פונעם אויסגראבונג אין ליטל סאדוס בעי אין קאיוגא קאונטי אלס טייל פון דער סטעיטס $15 מיליאן REDI ראיאנאלע אויסגראב פראיעקט, וואס האט אוועקגענומען אויפגעבויעטע אפזעץ פון אונטער דערמטייך-גרונט צו ערלויבן א זיכערע דורכגאנג פאר שיפן.

דער ליטל סאדוס בעי פראיעקט האט אוועקגערוימט בערך 6000 קובישע יארדן פון אפזעץ, וואס מ'האט אוועקגעשטעלט ביי דעם ים-ברעג, מזרח פון דעם נאוויגאציע קאנאל צוריקצובויען און באשיצן דעם ברעג ים.

**סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישן קאמישאנערין מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "ארבעטן צוזאמען מיט אונדזער לאקאלע שותפים, ניו יארק סטעיט מאכט קלוגע, געצילטע אינוועסטירונגען אזוי ווי אט די, וועלכע וועלן אונדז העלפן טרעפן די פארמעסטונגען פון דער גלאבאלע קלימאט ענדערונג און ערלויבן קאמיוניטיס לענג-אויס לעיק אנטעריאו ים-ברעג צו פארקלענערן די סכנות פון אויפגייענדיגע פלייץ וואסערן. די REDI פראגראם זאגט עדות אויף גאווערנער קאומאוס פירערשאפט און ווייזט וואס ניו יארקער קענען אויפטון ווען מיר ארבעטן אלע צוזאמען."

**אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער רא-אן דעסטיטו האט געזאגט,** "ארבעטן מיט אונדזער סטעיט אגענטור און לאקאלע שותפים, טוען מיר אדרעסירן פארוויייל-שיפלערס זיכערהייט, שטיצן דעם ראיאנס טוריזם עקאנאמיע, און פארבעסערן די נאטירלעכע סביבה פון דעם ים-ברעגס בעלי-חיים וועלט דורך גאווערנער קאומאוס REDI אויסגראב פראגראם. אלע ארבעט וואס ווערט פערפעקטירט אונטער דעם גאווערנערס REDI איניציאטיוו פארשטערקערט די קאמיוניטיס וואס זענען געטראפן געווארן די שטערקסטע פון פארגאנגענע פלייצונג לענג-אויס לעיק אנטעריאו און דער סט. לאורענס ריווער, און איך בין ספעציעל שטאלץ אין מיין אגענטורס אריינגעצויגנקייט און דערגרייך אין דער אויסגראב פראגראם."

**DASNY פרעזידענט און CEO רובן ר. מעקדעניעל, III האט געזאגט,** "DASNY איז שטאלץ צו שטיצן גאווערנער קאומאוס בליק פאר שיצן קאמיוניטיס פון פלייצונג און צו הייבן דאס געזונט, זיכערקייט און עקאנאמיע פון קאיוגא קאונטי איינוואוינער. פראיעקטן אזוי ווי דאס שטעטל פון סטערלינגס וועגן פארבעסערונג ווייזט גאווערנער קאומאוס איבערגעגעבנקייט צו ברענגען סטעיט און לאקאלע אפיצירן צוזאמען, צו שיצן דער אינפראסטרוקטור און עקאנאמישע חיות פון ניו יארק ים-ברעג קאמיוניטיס."

**סענאטאר פאמעלע העלמינג האט געזאגט,** "די אינוועסטירונגען וואס איז געמאכט געווארן אינעם שטעטל פון סטערלינג אונטער דער REDI איניציאטיוו זענען קריטיש צו פארשטארקן דעם אינפראסטרוקטור וואס איז לעבנס-נייטיג פאר דער עקאנאמישע סטאביליטעט און געוואוקס פון אונדזער ים-ברעג קאמיוניטיס. די פראיעקטן שיצן לאקאלע בעלי בתים און געשעפטן און שטיצן די טוריזם אקטיוויטאטן וואס איז אזוי וויכטיג פאר סטערלינג און קאיוגא קאונטי. א דאנק צום שטעטל פון סטערלינג, ניו יארק סטעיט און דער REDI קאמיסיע."

**אסעמבלימאן ברייען מאנקטעלא האט געזאגט,** "ווען די סטעיט אינוועסטירט אין לאקאלע אינפראסטרוקטור איז עס א געווינס פאר אלע איינוואוינער אין דער קאמיוניטי. דורך דער REDI פראגראם, האט דער שטעטל פון סטערלינג געקענט איינשאפן דאס געלט וואס זיי האבן גאדארפט, און נאך אלץ געקענט אפשפארן און אריינלייגן געלט און אנדערע לאקאלע פראיעקטן. דורך פארבעסערן מעקאינטייער ראוד צו העלפן פארמינערן די עפעקטן פונעם פארפלייצונג פון לעיק אנטעריאו, שטעלן

מיר צו הילף פאר די שכינותדיגע הייזער, און וועגן, ווי אויך אנדערע טייכלעך און וואסערלעך. די עפעקטן פון דעם אינזשעניררעריי וועט זיך קרייזלען איבער דער גאנצער קאמיוניטי. די נייע ענזשענירונג וועט צושטעלן אפשווענקונג פראטעקציע, פארבייטן די צעפאלונג פון די קאנאלן און רעדוצירן שטראם גיכקייטן. אלץ א סטעיט האבן מיר אן אחריות צו שיצן אונדזערע קאמיוניטיס, און איך גלויב אז דאס איז א גרויסע טריט אז עס זאל געטון ווערן. א דאנק פאר אלע וואס האבן זיך משתתף געווען אין דעם פראיעקט."

**שטעטל פון סטערלינג איבערזעער סקאט קראפערד האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו האבן משתתף געווען מיט ניו יארק סטעיט פארן קריטשן מעקאינטייער ראוד פראיעקט. דורך דער גאווערנערס REDI פראגראם, וועלן לעבנס-נייטיגע פארבעסערונגען ווערן געמאכט צו פארזיכערן אז מיר דארפן נישט פארמאכן די וועגן אין די צייטן פון הויכע וואסער. די פארבעסערונגען וועלן שיצן די איינוואוינער פון סטערלינג און באזוכערס, דורך ערלויבן א זיכערן דורכגאנג און פארזיכערן עמערדזשענסי אויטאס זאלן זיך קענען שנעל אנרופן ווען מ'דארף זיי האבן."

אין ענטפער צו די פארלענגערטע מוסטער פון פארפלייצונגען אויף די לענג-אויס בארטנס פון לעיק אנטאריאו און פון סט. לאורענס טייך האט גאווערנאר קאומאו באשאפן REDI צו פארמערן די עלאסטישקייט פון קאמיוניטיס אויף די בארטנס און פארשטערקערן ארטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג אינעם געגנט. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיסיעס באשטייענדיג פון פארשטייער פון אכט קאַונטיס, נייעגרע און ארליענס, מאנרא, וועין, קאיוגע, אסוועגא, און דזשעפערסאן און סעינט לאורענס, זענען באשטימט געווארן צו אידענטיפיצירן די לאקאלע פריאריטאטן, איינגעשטעלטע אינפראסטראקטור און אנדערע פארמעגנס און פובליק זיכערהייט זארגן. די REDI קאמיסיע האט צוגעטיילט 20 מיליאן דאלאר פאר היים אייגנטימער הילף, 30 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן די עלאסטישקייט פון ביזנעסן און 15 מיליאן דאלאר פאר א ראיאנישע איפגראבונג וואס וועט בענעפיטן אלע פון די אכט קאונטיס אין די REDI ראיאנען. די איבערבלייבנדע 235 מיליאן זענען צוגעטיילט געווארן צו לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן וואס רוקן פאראויס און זענען מקיים די REDI מטרה.
לויט די אנווייזונגען פון גאווערנאר קאומאו, האט די REDI ארומגעפארן פלעצער וואס זענען שווער באטראפן געווארן פון פארפלייצונגען אויף לעיק אנטאריאו, און זיי האבן מיטגעארבעט מיט לאקאלע קאמיוניטיס צו אויפקומען מיט א נייע חזון פאר די ברעג, סיי פאר באפעסטיגונג און סיי פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג, כדי צוריק צו בויען בעסער און שטערקער פאר די צוקונפט.

זינט די באשאפונג פון די גאווערנאר'ס REDI פראגראם אין די פרילינג פון 2019 זענען שוין 133 REDI־געשטיצטע לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגס, אריינרעכענענדיג 100 פראיעקטן וואס זענען אין די פלאנירונג שטאפל, 17 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפל און 16 פארענדיגטע פראיעקטן.

נאך אינפארמאציע, פראיעקט פראפילן און REDI נייעס קען מען געפונען דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | | press.office@exec.ny.gov518.474.8418

זיך אויסשרייבן